ראובן ברײנין

# אומשטערבלעכע
# רייך

דערקלערונגען און רעדעס פון אַ מוטיגן קעמפער געגן
פאַשיזם און אַנטיסעמיטיזם און גרויסן פריינד פון
סאָוועטן־פאַרבאַנד און פון ביראָ־בידזשאַן

ארויסגעגעבן פון „איקאר"
ניו יארק, 1940

איקאר־ביבליאטעק - נומער 20 פרייז 5 סענט

טיראזש — 10,000

אהרן קורץ

# דער וויזער גרייז

ער האָט אויסגעזען און גערעדט ווי אַ דערלייזער,
און זיינע רייד האָבן דערמאָנט אין די נביאים.
זיין גלויבן אינם פאָלק איז געווען אַ פעסטער און אַ הייסער
און לעבן יעדן טויטן וואָרצל האָט ער אַ נייעם שטאַם געזען בליען.

ער איז אַלט געווען ווי אַלט זיין פאָלק איז,
און איז געשטאָרבן יונג.
ער זעט וואו זיין פאָלק'ס אומגליק און דערפאָלג איז;
ער האָט געקענט דעם פלאַם דערזען אין אַ פונק.

האָט ער די קברים היילגע געלאָזט בלויז אין זכרון,
די קברים פון מלכים, בת מלכה'ס און פרינצן, —
ער האָט געזען וואָס ס'איז פון זין און טעכטער אידישע געוואָרן
אין לאַנד, וואו ס'פאָלק פון אַלדאָס־גוטס פאַרגינט זיך.

ער האָט דערזען דאָס לאַנד, וואָס ברענגט זיין פאָלק גאולה,
— ווי אַלע פעלקער — הילפלאָזע און אונטערדריקטע —
האָט ער פאַרלאָזט די פאַלשע־פירער, די פינצטערע און דולע:
ער האָט דערזען די מאָרגנדיגע זיגער און באַזיגטע.

ער האָט דערזען דעם נאָענטסטן און ווייטסטן זוניג־רייפן ראַנד
פון אַ הימל לויטערן און אַן ערד באַפרייטער,
האָט ער ביז לעצטן שטרעק פון אָרעם געוויזן אף יענעם לאַנד
און פאַרזאָגט די גרעניצן צו היטן און זיי פירן ווייטער.

ווי ליכטיג געווען איז זיין שטערן, זיין קאָפ —
ווי ווייס ס'איז געוועזן זיין ווירדיגע באָרד:
געפאַלן, געפאַלן אַ שטערן אַראָפ,
נאָר הויך שטייגט צום הימל זיין שטראַלנדיג וואָרט.

געפאַלן, געפאַלן פון הימל אַ שטערן,
געפאַלן, אַראָפ, טיף אין ים;
טייערער מענטש, ס'וועט שוין לאַנג ניט געווערן
און פריי ט'זיין און גליקלעך דיין גאַנצענער שטאַם.

# אומשטערבלעכע רייד

— פון —

## ראובן בריינין

וועגן בירא־בידזשאן און וועגן דער סאָוועטישער לייזונג
פון דער נאַציאָנאַלער פראַגע

דער ווייזער גרייז — ליד פון אהרן קורץ
געווידמעט דעם אָנדענק פון ראובן בריינין

ניו יאָרק 1940



ראובן בריינין

**1862—1939**

## (דערקלערונג געמאַכט אין מעדיסאָן סקווער גאַרדן. דעם 2טן יוני, 1934, אויף דער פייערונג פון דער פּראָקלאַמירונג פון דער אידישער אויטאָנאָמיע אין בירא־בידזשאַן)

איך בין דאנקבאר דעם שיקזאל, וואָס האָט מיר באשערט צו דערלעבן די גרויסע שעה, אין וועלכער בירא־בידזשאַן איז אָפיציעל דערקלערט געוואָרן פון דער סאָוועטן־רעגירונג אלס א אידישע אויטאָנאָמע טעריטאָריע.

האָפנטלעך וועט ניט פיל צייט פאַרגיין און בירא־בידזשאַן וועט ווערן א אידישע סאָציאַליסטישע רעפּובליק.

איך בין איבערצייגט, אלס מענטש און אלס איד, וועלכער גלויבט אין דעם לעצטן נצחון פון דער סאָציאַליסטישער גערעכטיגקייט אויף די יסודות, אויף וועלכע עס איז געגרינדעט דער ראַטן־פאַרבאַנד, אז די בירא־בידזשאַן דעקלאַראַציע איז א וועלט־פּאַסירונג פון דער גרעסטער באַדייטונג.

איך צווייפל ניט א סעקונדע, אז די אויפבוי־ארבעט אין בירא־בידזשאַן וועט זיין אונטער אלע אומשטענדן א גרויסער דערפאָלג. עס מוז געלינגען, ניט נאָר פאַר די סאָוועטישע אידן, וועלכע ווילן פירן א קאָלעקטיוו אידישן לעבן, נאָר אויך אלס א סימבאָל פאַר דער גאַנצער וועלט, ווייל דער שיקזאַל פון דער אידישער פרייער עקזיסטענץ איז ענג פאַרבונדן מיט דער מענטשהייט.

די אויפבויאונג פון בירא־בידזשאַן אלס א אידישע רעפּובליק איז געזיכערט אונטער דעם נייעם, שנעלערן טעמפּאָ פון דער סאָוועטן־רעגירונג אויך דערפאַר, ווייל עס איז נויטיג אויפצוהאַלטן אין אונזער אידישער יוגנט פון ראַטנפאַרבאַנד דעם פּיאָנערן־גייסט.

ביראָ־בידזשאַן איז די ערשטע אידישע אויטאָנאָמע טערי־טאָריע, וואָס איז אונז געגעבן געוואָרן פּריווילעגיע פון א גרויסער מאַכט דורכ'ן גאַנצן פאַרלויף פון אונזער געשיכטע.

דער סאָוועטן־פאַרבאַנד איז די ערשטע קאָמוניסטישע מדינה אין דער מענטשלעכער געשיכטע. דאָס איז ניט קיין צופאַל. עס שטעקט אין דעם געשיכטלעכע קאָנסעקווענץ און לאָגיק. עס איז די לאָגיק פון דער גאַנצער קאָנסטרוקציע פונם ראַטנפאַרבאַנד, אין וועלכן יעדע נאַציע איז בארעכטיגט צו האָבן איר אייגענע טע־ריטאָריע, איר אייגענע שפּראַך און קולטור.

ביראָ בידזשאַן ווערט איצט די ערשטע אידישע אויטאָ־נאָמישע פעסטונג געגן די וואַקסנדיקע כוואַליעס פון דעם פאַשיזם, וואָס פאַרפלייצט די אַרומיגע וועלט.

ביראָ־בידזשאַן איז דער ענטפער פון ראַטנפאַרבאַנד צו די לענדער, אין וועלכע דער אַנטיסעמיטיזם איז א טייל פון זייער פּאָליטישער און עקאָנאָמישער פּראָגראַם.

ווען איך האָב נאָך מיין ערשטן באַזוך אין ראַטן־פאַרבאַנד, מיט אכט יאָר צוריק, זיך געווענדט צום וועלט־אידנטום מיט אַן ענערגישן רוף צו מיטאַרבעט אין דער אידישער קאָלאָניזאַציע אין קרים און אין אוקראַינע, בין איך פון מיינע נעכטיגע פריינט, מיט וועלכע איך האָב געאַרבעט צענדליגער יאָרן, דערקלערט גע־וואָרן אַלס א פאַררעטער.

איך ווייס, אַז מיין היינטיגער אויפרוף צו מיטאַרבעטערשאַפט אין דעם אויפבוי פון ביראָ־בידזשאַן וועט אַרויסרופן די זעלבע קורצזיכטיגע פּערזאָנען צו נייע פאַרלוימדונגען.

אָבער אַן אינערלעכע וואָרהייט, א פעסטע איבערציי־גונג צו דערשטיקן איז אַ ניט־קלענערע פאַרברעכן, ווי צו באַגיין א מאָרד.

אויך היינט דערקלער איך אין באוואוסטזיין פון מיין פאראנט־וואָרטלעכקייט און אין איינקלאַנג מיט מיין גאַנצער פאַרגאַנגענהייט, אַז יעדער איד, וואָס איגנאָרירט זיין פליכט אַלס מענטש און איד צו העלפן דעם אויפבוי פון בירא־בידזשאַן, פאַרזינדיגט זיך שווער געגן זיין פאָלק.

א מאַן אין מיין עלטער שפּילט זיך ניט אין פראזן: דאָס איז מיין טיפסטע איבערצייגונג.

איך צווייפל ניט, אַז די געשיכטע וועט מיין אורטייל באַ־שטעטיגן.

# וואָס די שונאים האָבן געפילט וועגן דעם יום-טוב פון ביראָ-בידזשאַן

דורך א צופאל איז מיר אויסגעקומען צו באזוכן א פלאַץ, וואו עס קומען זיך צוזאַמען אזוי-גערופענע אינטעלעקטואלן. פאַר-גיפטעטע פיינט פון ראַטן-פאַרבאַנד. איך בין דאַרט געווען גראַד אין דעם טאַג, ווען די צייטונגען האָבן געבראַכט דעם באריכט, אַז דער צ. ק. (צענטראַל אויספיר קאָמיטעט) האָט פאַרעפנטלעכט די דעקלאַראַציע, וועלכע אַנערקענט ביראָ-בידזשאַן אַלס א אי-דישע טעריטאָריע.

און פיליכט האָט מיך ניט דער צופאַל געבראַכט אין יענעם פלאַץ, נאָר די פסיכישע נייגירינקייט האָט מיך יענעם טאָג געצויגן אַנצובליקן די טויט-שונאים פון דעם סאָוועטן-לאַנד און צו זען, וואָס פאַר אַן איינדרוק עס האָט געמאַכט אויף זיי די אויבנדער-מאַנטע דעקלאַראַציע.

די באַגעגענונג מיט אַט דער חברה, מיט וועלכער איך האָב זיך ניט געטראָפן שוין יאָרן לאַנג, איז געווען אַן אַנגעצויגענע, אַן אַנגעשטריינגטע. איך האָב דאָרט געפונען א טרויעריגע און כמאַרנע שטימונג פון תשעה-באָב.

מיין אומדערוואַרטעטע דערשיינונג איז יענעם פלאַץ, וועלכן איך האָב יאָרנלאַנג איגנאָרירט, האָט אָפּגעהאַקט די קאָכיגע שמועסן, וואָס האָבן זיך געלאָזט הערן איידער מיין אַריינקומען.

נאָך א דריקנדן שווייגן פון לענגערע מאָמענטן, האָט חברה ווי געצוואונגענערהייט אָנגעהויבן פירן א שמועס וועגן די לעצטע טעגלעכע נייעס, וועגן קונציגע באַנדיטן, וועגן האָליוואָודער סקאַנ-דאַליעזע געשיכטעס און דאָס גלייכן. מיט קיין איינציגן וואָרט האָט קיינער פון דער חברה ניט באַריכט די נייעס וועגן ביראָ בידזשאַן.

עס איז געווען א דעמאָנסטראַטיווע פאַרשווייגונג, אַז עס איז ניט ווערט צו פאַרלירן אַ וואָרט וועגן אַזאַ פּוסטן ענין ווי אַ אי־דישע טעריטאָריע אין ווייטן מזרח.

מיר איז געווען שווער צוריקהאַלטן זיך פון צו שטעלן די פראַגע: ווי קומט עס וואָס חברה איגנאָרירט אַזוי עקשנות'דיג די וויכטיגסטע נייעס פון טאָג: די אַנערקענונג פון בירא־בידזשאַן, וואָס פאַרנעמט אַ שטח, וואָס איז גרעסער ווי בעלגיע און האָלאַנד צוזאַמענגענומען פאַר אַ אידישער טעריטאָריע, אין אַ צייט ווען די פאַשיסטישע באַוועגונג פאַרשפּרייט זיך ווי אַן עפּידעמיע אי־בער דער וועלט...

איך האָב נאָך ניט געהאַט פאַרענדיגט מיין פראַגע, — און חברה האָט אָנגעהויבן טומלען, אום ניט צו דערלאָזן מיר צו אַרויסריידן דאָס, וואָס איז געווען נויטיג צו זאָגן אין יענעם מאָ־מענט.

אַנשטאַט אויסצוהערן מיין פראַגע אין גאַנצן, האָט זיך יעדער פון דער דאָזיגער חברה געריסן צו ענטפערן.

אין מיטן דער סומאַטאָכע האָט זיך פּלוצים אַ שטעל געטאָן דער ראש־המדברים, דער הויפּט־רעדנער, און דער אַזוי־גערופענער „דיינקער“ פון אָט דער גרופּע, און האָט געעפנט זיין מענה לשון, אום „צו אונטערהאַקן מיר“, ווי עס האָט געהייסן אויף זייער שפּראַך, די פליגלען. עס איז שטיל געוואָרן. די חברה־לייט האָבן אָנגעשפּיצט זייערע אויערן.

דער „דיינקער“ האָט אָנגעהויבן אין אַן ערנסטן טאָן:

„איר הערט אַ מעשה אַביסל, גאָט אין הימל האָט זיך מרחם געווען אויף זיינע אידן אין דייטשלאַנד און ער האָט צו זיי גע־שיקט זיין שליח מן השמים, ווי עס האָט זיך אוים עדריקט אונזער דיכטער, אום אַרויסצושלעפּן זיי פון די מ“ט שערי טומאה, דאָס הייסט: פון דער אַסימילאַציע.

„די ברכה, וואָס גאָט האָט געשיקט דורך זיין שליח, היטלער,

האָט זיך אָבער פאַרוואַנדלט אין אַ קללה, אַ דאַנק דעם אשמדאי, אין דער געשטאַלט פון דעם צ"ס, וועלכער האַלט אין איין באַקעמפן דעם ווילן און די וועגן פון דעם רבונו של עולם, ווייל די אידישע טעריטאָריע, וואָס איז געגעבן געוואָרן אין בירא־בידזשאַן, גראָד אין דעם זעלבן מאָמענט, ווען צען רעגירונגען, צו וועלכע עס האָט זיך געווענדט מאַקדאָנאַלד מיט דער אַלטער שתדלנות, זיי זאָלן דערלויבן אַריינצוקומען אַ געוויסע צאָל אידישע פליכטלינגע פון דייטשלאַנד, אום צו ראַטעווען זייער לעבן, האָבן אַלע זיך אָפּגעזאָגט צו עפענען די טויערן אַפילו פאַר ניט קיין גרויסער צאָל אידישע אויסוואַנדערער.

„מיט פאַרגעניגן האָבן מיר פאַרנומען די טאַט־זאַך, אַז אַלע טירן און טויערן זיינען פאַרהאַקט פאַר אונזערע געצוואונגענע פליכטלינגע. מיר האָבן געזעען אין דעם אַן אצבע אלהים, גאָט'ס פינגער, וועלכער צייגט אויף ארץ ישראל, וועלכע זאָל און מוז אויפנעמען דעם שטראָם פון אידישע פליכטלינגע.

„נו, אין דער זעלבער צייט האָט אונז דער צ"ס געגעבן, ווי אויף צו להכעיס, אַ אידישע טעריטאָריע הינטער די הרי חושך — און גיי וואַרג זיך מיט איר".

מיט ניין מאָס רייד האָט דער ראש־המדברים פּרובירט מיט אַלערליי קונצן צו באַווייזן, אַז בירא־בידזשאַן, וועלכע די רשעים, די אבי־אבות־הטומאה, ווילן נאָך באַלד גאַנץ באַשטימט פאַר־וואַנדלען אין אַ אידישער רעפּובליק, וועט נאָך ברענגען — אל תפתח פה לשטן! — אַן אומגליק אויף אַלע אידן אין די פאַרשידענע לענדער.

אויסהערנדיג, מיט אַן אייזערנעם געדולד, די נאַרישע דרשה, האָב איך זיך גאַנץ רואיג אָפּגעזאָגט פון יעדער דעבאַטע, אום ניט צו שטויסן וואַסער אין אַ סטופּע.

עס איז געווען לייכט צו איבערצייגן זיך, אַז עס איז אומ־מעגלעך ניט נאָר צו דעבאַטירן מיט אַזעלכע יונגע לייט, נאָר

אפילו צו ריידן א פּאָר ווערטער מיט זיי, פון מענטש צו מענטש.

ווען איך האָב זיך אַזוי שטאַרק אַנטוישט אין דער יונגער חברה, וואָס פּרעטענדירט אויף אינטעלעקטואַליטעט, האָב איך דערוואַרטעט צו הערן אַ פאַרניפּטיג וואָרט בנוגע דער געגעבענער אויטאָנאָמיע אין ביראָ־בידזשאַן פון די עלטערע און געניטערע אידישע פירער, וועלכע האָבן זיך געמוזט גאַנץ אָפט פּערזענלעך איבערצייגן ווי שווער און אוממעגלעך עס איז בּאַוועגן אַ רעגי־רונג זי זאָל אַנערקענען דאָס רעכט פון דער אידישער מינאָריטעט אויף דער אויטאָנאָמיע פון איר שפּראַך און קולטור.

אָבער אויך אין דעם האָב איך, געגן מיינע דערוואַרטונגען, געמוזט זיך אַנטוישן.

די אידישע אַנערקענטע, אָדער די אַרויפגעצוואונגענע פירער־שאַפט, אָדער זי איז שטום געבליבן, אָדער זי זוכט צו מאַכן דעם גאַנצן ענין פון דער אידישער טעריטאָריע אין ביראָ־בידזשאַן מיט דער אויסזיכט אויף אַ אידישער רעפּובליק, צו קליין געלט, צו אַש און בלאָטע.

די אידישע פירערשאַפט קאָן זיך בשום אופן ניט באַפרייען פון דער קליינבירגערלעכער אידעאָלאָגיע, אום צו דערהויבן זיך צום הויך־פּונקט פון דעם מאָמענט.

אין דעם מאָמענט ווענדן זיך די אויגן מיט האָפנונגספולע בליקן צו דעם „איקאָר“, אַז ער וועט לאָזן הערן דעם ריכטיגן און ווירדיגן אָפּקלאַנג, צווישן די האָרעפּאַשנע אידישע מאַסן, וועגן דער גרויסער מתנה, וואָס די סאָוועטן־רעגירונג האָט געגעבן די אידן אין מזרח סיביר.

עס איז אַ גרויסער יום־טוב פאַר דעם „איקאָר“, וואָס האָט די גאַנצע צייט זינט קאַלינין האָט, לערך מיט זעקס יאָר צוריק געזאָגט, אַז ביראָ־בידזשאַן איז באַשטימט פאַר אידישער קאָלאָ־ניזאַציע מיט דעם צוועק צו גרינדן דאָרט אַ אידישע רעפּובליק, — ניט אויפגעהערט צו פאַרשפּרייטן דעם געדאַנק פון אַ אידישער

אויטאָנאָמיע און צו באַקעמפן זײנע געגנער פון רעכטס און פון לינקס.

מיר דאַרפן גראַטולירן דעם „איקאָר“ פאַר דער מאַטעריעלער הילף, וואָס איז געווען דער אויסדרוק פון דער סימפּאַטיע פון די אידישע אַרבעטער אין אַמעריקע מיט דער אַרבעטער רעפּובליק אין ראַטן־פאַרבאַנד, און פאַר דער מאָראַלישער שטיצע, וואָס דער „איקאָר“ האָט געגעבן די גאַנצע צייט די בויער פון ביראָ־בידזשאַן.

דער „איקאָר“ האָט געהאָלפן פּלאַנמעסיג דעם אויפבוי פון ביראָ־בידזשאַן מיט מאָדערנע מאַשינען און אויך מיט ראַציאָנאַלע טעכניקער.

אום צו פּאָפּולאַריזירן דעם געדאַנק פון דער גרינדונג פון אַ אידישער אויטאָנאָמיע און אום צו געבן דעם פאַראינטערעסירטן עולם ריכטיגע אינפאָרמאַציע וועגן ביראָ־בידזשאַן, האָט דער „איקאָר“ געשיקט אַן עקספּעדיציע פון באַקאַנטע פאַך־געלערנטע און נאָכהער פאַרעפנטלעכט אין אַ בוך די רעזולטאַטן פון זײער אויספאָרשונג.

# אידישע פיאָנערן אין בירא-בידזשאַן בויען פאַר זיך אַ גליקלעכע צוקונפט

(ביי דער פילאַדעלפיער פייערונג פון דער בירא-בידזשאנער אויטאָנאָמיע, יולי דעם 8טן, 1934)

יעדע פייערונג פון דער בירא-בידזשאנער דעקלאַראַציע איז אַן און פאַר זיך אַ קאָנסטרוקטיווע, אַ בויענדע טאַט, דען מיר טאָרן ניט רוען ביז אונז וועט נישט געלינגען פולשטענדיג איבערצוצייגן די עפנטלעכע מיינונג — די אידישע ווי די ניט אידישע — וועגן דער באַזונדערער וויכטיגקייט פון דער סאָוועטישער דער־קלערונג פון בירא-בידזשאַן אַלס אַ אידישע טעריטאָריע, אַן אויטאָנאָמע טעריטאָריע — רעלאַטיוו אַן אומבאַוואוינטע, וואָס איז רייך מיט פאַרשידענע נאַטור-אוצרות, און וואָס די רעגירונג פון ראַטנפאַרבאַנד האָט אונז געשענקט מיט דער אַבזיכט מיר זאָלן דאָרטן אַנטוויקלען אונזער סאָציאַל לעבן.

דאָס האָט די סאָוועטן רעגירונג געטאָן נישט צוליב דעם, ווייל זי וויל זיך באַפרייען פון אירע אידישע בירגער. ניין, עס איז אין איינקלאַנג מיט דער סאָוועטיש-לענינשער אידעאָלאָגיע, אַז די אידישע נאַציע איז באַרעכטיגט צו אַן אייגענער רעפּובליק. בירא־בידזשאַן פאַרמינדערט נישט אויף קיין אופן די אַבסאָלוטע גלייכ־באַרעכטיגונג פון די אידישע סאָוועטישע בירגער.

די בירא-בידזשאנער דעקלאַראַציע שטעלט פעסט די טאַט־זאַך, אַז די אידן אין סאָוועטן-פאַרבאַנד, וועלכע ווילן פירן אַ קאָלעקטיוו אידיש לעבן, — וועלן האָבן אין זייער טעריטאָריע אַלע מעגלעכקייטן דאָס צו פאַרווירקלעכן.

נאַטירלעך איז בירא-בידזשאַן היינט צו טאָג ניט קיין גן־עדן; זעלבסטפאַרשטענדלעך פעלט נאָך דאָרט די באַקוועמלעכקייט פון אַ מאָדערנער גרויסער שטאָט. בירא-בידזשאַן איז אָבער אַ

גן־עדן פֿאַר עכטע פּיאָנערן, װעלכע זײנען גרײט צו פּאַרקאַטשען די אַרבל און זיך נעמען גלײך צו דער אַרבעט מיט חשק צו שאַפֿן די נײע אידישע סאָציאַליסטישע געזעלשאַפֿט. נאָר אַזעלכע מענטשן, װעלכע גלױבן נישט אין אַ בעסערער צוקונפֿט פֿון דער מענטשהײט, איגנאָרירן די באַדײטונג פֿון בירא־בידזשאַן אַלס אַ אידישע טעריטאָריע. אַ אידנטום, װאָס האַלט זיך קראַמפּהאַפֿט אין אַ פּאַרפױלטער כּפּעקולאַציע־עקזיסטענץ, און װאָס איגנאָרירט דעם נײעם מאָרגן אין ראַטנפֿאַרבאַנד — איז פֿאַראורטײלט צו אונטערגאַנג.

איך צװײפֿל נישט קײן סעקונדע, אַז בירא־בידזשאַן װעט װערן אַ ליכטיגער בײשפּיל פֿאַר דער גאַנצער װעלט און װעט װײזן װאָס אידן קאָנען שאַפֿן װען זײ װערן באַפֿרײט. איך בין אײבערצײגט אין דעם מאַטעריעלן און מאָראַלישן ערפֿאָלג פֿון דער אױפֿבױ־אַרבעט אין בירא־בידזשאַן. עס מוז געלינגען, נעמענדיג אין אַנבאַטראַכט דעם פֿרישן פּיאָנערן־גײסט פֿון דער אידישער יוגנט אין סאָװעטן־פֿאַרבאַנד, האָב איך צוטרױ אין דעם רעזולטאַט.

איך װײס, אַז די סאָװעטן־מאַכט איז די פּאַסענדסטע מלוכה, אין װעלכער די אידן קאָנען דערפֿאָלגרײך אַרבעטן. דאָס מוזן די אידן פֿון דער גאַנצער װעלט באַגרײפֿן און אין דעם זײן מיט־אַרבעטן.

## באַגריסונג פון חבר ברײנין
### בײ דער נאַציאָנאַלער קאָנװענשאָן פון „איקאָר", אין מערץ, 1935

(ראובן ברײנין װערט אױפגענומען מיט שטורמדיגע אָװאַציעס, װאָס האַלטן אָן מינוטן לאַנג. ניט זײענדיג פיזיש אין אַ לאַגע צו רײדן, שרײבט ער אָן די פאָלגנדיקע קורצע באַגריסונג, װעלכע װערט געלײענט פון חבר ש. אַלמאַזאָװ:)

„עס טוט מיר זײער לײד, װאָס איך בין איצט ניט אינגער, מײנע אַמאָליגע קרעפטן װאָלט איך איצט אינגאַנצן געװידמעט דער בירא-בידזשאַנער אַרבעט.

איך פערזענלעך האָב פיל צו דאַנקען דעם „איקאָר". עס איז געװען אַ צײט, װען איך האָב זיך געטראָפן מיט מײן יוגנט-פרײנד, פּראָפעסאָר קוניץ, און מיר האָבן מיט אים דעבאַטירט װעגן סאָ-װעטן-רוסלאַנד. ער איז געװען דער ערשטער, װאָס האָט געעפנט מײנע אױגן צו זען די װאַרהײט.

אין אַ קורצער צײט נאָכדעם, אַרײנטרעטנדיג אין „איקאָר" און צוזעענדיג די אױפאָפּפערנדיגע אַרבעט און גיגאַנטישן קאַמף, װאָס זײ פירן אָן פאַר דער בירא-בידזשאַנער אידײע, האָב איך זיך אױך אַרײנגעװאָרפן אין קאַמף און האָב געמאַכט אַן אַגיטאַ-ציאָנס-רײזע איבער אַמעריקע פאַר דער זעלבער אידײע. איך בין געקומען אין באַרירונג מיט די בעסטע סימפּאַטישסטע עלעמענטן אין דער אידישער אַרבעטערשאַפט. לײדער דערלױבט ניט מײן איצטיגער געזונדהײט-צושטאַנד פאָרזעצן דעם דאָזיגן קאַמף.

איך באַװאונדער אָבער די פירערשאַפט פון דעם „איקאָר", װעלכער איז איצט דער אײנציגער, װעלכער פאַרטרעט אי די אי-דײע און אי די פּראַקטישע אַרבעט אױף אױפצובױען אַ אידישע סאָציאַליסטישע רעפּובליק.

דער „איקאָר“ איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט געשיקט א טעלעגראַפישע באַגריסונג צו דער סאָוועטן־רעגירונג, ווען זי האָט באַקאַנט געמאַכט, אַז זי גיט אָפּ ביראָ־בידזשאַן פאַר אידי־שער קאָלאָניזאַציע. איך בין געווען איינער פון די ערשטע, וועלכע האָבן אונטערגעשריבן אָט־די באַגריסונג.

יעדער טאָג ברענגט נײַע באַווייזן ווי ריכטיג דער „איקאָר“ האָט אָפּגעשאַצט די שטרעבונג פון דער סאָוועטן־רעגירונג צו בויען ביראָ־בידזשאַן אַלס אַ אידישע סאָציאַליסטישע רעפּובליק.

איך האָף, אַז פילע פון אייך וועלן דערלעבן צו זען דעם לעצטן נצחון פון אונזער גרויסער אידייע“.

# אַ יאָר בירא-בידזשאנער אויטאָנאָמיע

מיר פייערן היינט דאָס ערשטע יאָר זינט די סאָוועטן רעגי־רונג האָט אָפיציעל דערקלערט בירא־בידזשאן אַלס אַ אידישע אויטאָנאָמע טעריטאָריע. אייגענטלעך האָט דאָס גאַנצע אידישע פאָלק געדאַרפט פייערן אָט דעם יום־טוב מיט דער גרעסטער באַ־גייסטערונג. ליידער זיינען די גרויסע אידישע מאַסן נאָך בלינד און טויב בנוגע דער גרויסער וויכטיגקייט און דער מעגלעכקייט, וואָס די באָלשעוויסטישע רעגירונג גיט אונז פרייוויליג, — אין פולשטענדיגן איינקלאַנג מיט איר פראַקטישן אופן צו לייזן די פּראָבלעם פון די מינאָריטעטן פעלקער — צו שאַפן אַ אידישע סאָציאַליסטישע רעפּובליק.

די היסטאָרישע וויכטיגקייט און די גרויסע באַדייטונג פון אונזער נייער אידישער אויטאָנאָמער טעריטאָריע שיינט אונז היינט צו זיין נאָך פיל גרעסער, ווי מיט אַ יאָר צוריק. די פאַשיסטישע כוואַליעס דראָען צו פאַרשלינגען פולשטענדיג די מייסטע אייראָ־פּייאישע לענדער. די אידישע לאַגע אין דייטשלאַנד, ווי אויך אין פּוילן, רומעניע און אַנדערע לענדער, איז היינט צו טאָג פיל ער־גער, ווי זי איז געוועזן מיט אַ יאָר צוריק, הגם אויך דאַן איז די לאַגע געוועזן שלעכט. דאָס וועלט־אידענטום האָט זיך נאָך קיינ־מאָל ניט געפונען אין אַזאַ געדריקטער און אומגליקלעכער לאַגע, ווי היינט. אומעטום — מיט דער איינציגער אויסנאַם פונם ראַטן־פאַרבאַנד, — באַהערשט די אידישע גאַס אַ געפיל פון אומזיכער־קייט, פון אַנגסט און פון שרעק.

די בירא־בידזשאנער דערקלערונג שטייט היינט צו טאָג נאָך פיל פעסטער אַלס אַ צייכן פון אַ זיכערער צוקונפט, אַלס אַ צייכן פון אידישער אויפלעבונג. און איך פיל זיך גליקלעך, וואָס מיר האָבן זיך ניט גענאַרט אין דער וועלט־באַדייטונג פון בירא־בידזשאן.

מיר קענען ניט צווייפלען אין דעם, אַז ביראָ־בידזשאַן וועט שוין אין די נעקסטע יאָרן ווערן דער צוציאונגס־פּונקט פאַר די אידן אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער. מיט יעדן טאָג ווערט אַלץ קלאָרער, אַז דער אַנטיסעמיטיזם איז אַ דירעקטער פּראָדוקט פון דער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם. עס איז גענוג אַ קוק צו טאָן אויף די קאַפּיטאַליסטישע לענדער און דאַן אומצואוועגדען אונזער פּנים צום ראַטנפאַרבאַנד. אויף איין זייט זעען מיר, אַז מיר דינען אין דעם פּאָליטישן קאַמף צווישן די פאַרשיידענע פּאַר־טייען אַלס דער שעיר לעזזל (אַלס דער זינד־באָק) און אונז דער־וואַרטן דאָרט די גרעסטע סכנות פאַר אונזער קערפּער און פאַר אונזער גייסט, בשעת אין ראַטנפאַרבאַנד זיינען מיר פריי צו אַר־בעטן פאַר אַ זיכערע צוקונפט.

בירא־בידזשאַן אַלס דער ליכטיגסטער פּונקט אין אונזער פאַר'חושכ'טן לעבן אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער, האָט היינט, אין אַ יאָר אַרום נאָך קאַלינינס דעקלאַראַציע, פיל געוואונען אין זיין באַדייטונג.

דער ראַטנפאַרבאַנד האָט באַוויזן דורך זיין גאַנצער עקזיס־טענץ, אַז אין זיינע גרענעצן איז ניטאָ קיין פּלאַץ פאַר דער אי־דישער פראַגע.

בירא־בידזשאַן אַנטוויקלט זיך. בירא־בידזשאַן בויט זיך און וואַקסט פון טאָג צו טאָג. בירא־בידזשאַן שאַפט זיך אַלס אַ זי־כערער האַפן פאַר די פאַרפאָלגטע קרבנות פון דער אַלטער וועלט. עס פאַלט דער גורל אויף בירא־בידזשאַן צו ווערן דאָס אידישע לאַנד, וואו אונזערע פאַרפאָלגטע און דערנידעריגטע ברידער וועלן ווידער געווינען זייער זעלבסט־רעספּעקט.

איך שטיי היינט צו טאָג, נאָך פיל מער ווי אַלע מאָל, אויף דעם שטאַנדפּונקט, אַז די סאָוועטן־רעגירונג איז די עטישסטע און די גערעכטסטע בנוגע צו די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן, זי איז פריי פון יעדער קליינלעכקייט און ענגהאַרציגער פּאָליטיקאַנסטווע. זי זעט אין יעדן וועזן אַ גלייכבאַרעכטיגן מענטשן און באַהאַנדלט

אים אַלס אַזעלכן. גראָד אַלס איד פיל איך מיך אין האַרמאָניע און אין איינקלאַנג מיט אָט דער אָנשויאונג פון דער סאָוועטן־רעגירונג.

איך קאָן ניט שליסן מיינע קורצע ווערטער אָן אויסצודריקן אויף אָט דער פאַרזאַמלונג מיין טיפסטן טרויער איבער דעם ניט־לאַנג צוריק פאַרשטאָרבענעם פיטער סמידאָוויטש. ער, דער ניט־איד; ער, דער גרויסער און טרייער קאָמוניסט, האָט אַזוי טיף דערפילט די לאַגע פון די אידן. ער האָט ביינעטראָגן אַזויפיל קאָנסטרוקטיווע און פאַרשטענדניספולע הילף אין דער אידישער קאָלאָניזאַציע־באַוועגונג אינ'ם ראַטנפאַרבאַנד. איך שעץ מיך גליקלעך, וואָס עס איז מיר באַשערט געווען צו שטיין פערזענלעך אַזוי נאָענט צו סמידאָוויטשן. זיין אָנדענקען וועלן מיר אימער מיט גרויס רעספעקט און ליבע האַלטן.

דער בוי פון בירא־בידזשאַן גייט פאָרויס. אָרום דעם סאָ־וועטן־פאַרבאַנד קאָן עס פאָליטיש בליצן און דונערן, אינם ראַטנ־פאַרבאַנד זעלבסט גייט די אַרבעט ווייטער און העכער. קיין זאַך שטייט נישט אין וועג, אַז בירא־בידזשאַן זאָל פאַרנעמען אַ גרויסן און גלענצענדן קאַפּיטל אין דער באַלדיגער געשיכטע פון אונזער פאָלק. עס הענגט נאָר פון אונז אָפּ — פון אונז אַליין. די סאָ־וועט רעגירונג האָט דאָס איריגע געטאָן, און טוט דאָס איריגע אויך ווייטער.

# באַגריסונג פון ראובן ברײנין בײַ דער פײַערונג פון צוואַנציק יאָר סאָוועטן-פאַרבאַנד אין היפּאָדראָם, ניו יאָרק, אין 1937

דער צוואַנציג־יאָריגער יובילײ פון די סאָוועט־רעפּובליקן איז אַ גרויסער יום־טוב — אַ יום־טוב פאַר אַלע מענטשן, וועלכע זײַנען ערלעך פּראָגרעסיוו און גלויבן אין אַ בעסערער וועלט. עס זײַנען ערשט צוואַנציג יאָר פּאַראיבער זינט די אונטערדריקטע מאַסן האָבן צעשטערט די צאַריסטישע טורמע . . . עס איז ערשטע צוואַנציג יאָר זינט צווישן די חורבות פונם וועלט־קריג, ווען די קאַנאָנען און גיפט־גאַזן האָבן נאָך געסטראַשעט אייראָפּע, אַז די סאָציאַליסטישע רעפּובליקן פונם ראַטן־פאַרבאַנד זײַנען געבוירן געוואָרן. ערשטע צוואַנציג יאָר, זאָג איך, און דאָך שײַנט עס מיר אָפּט, אַז שוין צוואַנציג יאָרהונדערט ווי דער סאָוועטן־פאַרבאַנד האַלט אין איין וואַקסן, אין איין רײַכער און שטאַרקער ווערן. שוין צוואַנציג יאָר, אַז דער ראַטן־פאַרבאַנד באַשיצט זײַן פּלאַץ קעגן דער אַרומיקער פײַנטלעכער אויסדרויערקייט.

ביז מיט אַ פּאָר יאָר צוריק איז געווען דער ענדגילטיגער נצחון פונם ראַטן־פאַרבאַנד בלויז אַ האָפענונג פון אונזער זײַט. מיר האָבן געציטערט בײַ יעדן פּאָליטישן ווינטל, וואָס האָט אַ בלאָז געטאָן איבער אייראָפּע. מיר זײַנען געווען צופרידן יעדן טאָג, וואָס איז פּאַראיבער אָן מלחמה קעגן סאָוועטן־פאַרבאַנד. מיר זײַנען געווען גליקלעך פאַר יעדן טאָג, וועלכער האָט דערמעגלעכט די סאָוועט־רעפּובליקן אָפּצוואַטעמען. מיר האָבן געלעבט אין אַ שטענדיגער מורא, אַז עס קאָן עטוואָס פּאַסירן, וואָס קאָן ברענגען אין אַ סכנה די דערגרייכונגען פונם פּראָלעטאַריאַט אין ראַטן־פאַרבאַנד.

יענע צײַטן פון דעם שטענדיגן ציטערן און שרעקן זיך זײַנען פּאַראיבער. היינט האָט זיך די לאַגע פולשטענדיג געביטן. ניט די פרײַנט פון סאָוועט־רוסלאַנד דאַרפן ציטערן פאַר דעם שיקזאַל

פונם ראטן־פארבאנד, נאָר די משרתים פון דער אַפּשטאַרבנדיגער קאַפּיטאַליסטישער וועלט ציטערן, ווייל זיי קאָנען ניט מער איג־נאָרירן די סימפּטאָמען, די סימנים פון זייער אייגענעם אונטער־גאַנג.

איך בין פעסט איבערצייגט, דאָס איר אַלע, מיינע יונגע חברים, וועט זיך באַטייליגן אין דער באַגרעבעניש פון דיזער אַל־טער, פוילער, אַפּשטאַרבנדיגער וועלט, — אַ וועלט וואָס קעמפּט היינט־צו־טאָג מיט אירע לעצטע כחות געגן דעם טריאומף־צוג פונם קאָמוניזם, וואָס קיינער קאָן אים ניט צוריקהאַלטן.

איך בין פעסט איבערצייגט, אַז די היסטערישע העצע מצד דער פאַשיסטישער מאַכט געגן דעם ראַטן־פאַרבאַנד, איז נאָר די לעצטע קאָנוואולסיווע באַוועגונג פון אַ קערפּער, וועלכער גוסס'ט. אין דעם שרייען און ליאַרמען פון די היטלערס און מוסאָלינים, קענען מיר פילן דעם פחד־געשריי פון פאַראורטיילטן צום טויט. עס וועט זיי פיליכט נאָך געלינגען אריינצושלעפּן די וועלט אין אַ קאַטאַסטראָפאַלן, אַלצעשטערדיגן קריג. עס וועט זיי פיליכט געלינגען אַפּצונאַרן די אַזויגערופענע דעמאָקראַטישע מלוכות, און דורך דעם רוף: „ראַטעווועט דעם קאַפּיטאַליזם!" — וועלן זיי צוציען די דאָזיגע דעמאָקראַטיע אויף זייער זייט, און זיי וועלן צוזאַמען מאַרשירן געגן דעם ראַטן־פאַרבאַנד. אָט דאָס שרעק־לעכע בילד איז ניט נאָר מעגלעך, — עס איז וואַרשיינלעך.

איך צווייפל, אויב מיר איז באַשערט נאָך צו דערלעבן אָט דעם לעצטן קאַמף פון דער צוקונפט געגן דער פאַרגאַנגענהייט. איך האָב אָבער ניט דעם קלענסטן צווייפל אין דעם פולשטענדיגן זיג פון דער אידייע, וועלכע באַהערשט אונז אַלעמען דאָ. איך צווייפל ניט קיין איינציגע מינוט, אַז דער קאָמוניזם וועט גאַנץ באַשטימט זיגן, און אַז מיר גייען אַנטקעגן דער שענסטער עפּאָכע פון דער מענטשהייט. ווען דיזער גרויסער טאָג וועט קומען — און קומען מוז ער, — דאַן וועט אויך די אידישע פּראָבלעם פולשטענדיג געלייזט ווערן, דאַן וועט אויך דער אַנטיסעמיטיזם בלייבן ליגן אויפן שלאַכטפעלד ווי אַ נבלה.

דערװײַל מוזן מיר קעמפן אַלס פֿרײַנט פֿון ראַטן־פֿאַרבאַנד, אַלס גלײביגע אין דער צוקונפֿט. די צוקונפֿט בױט זיך שױן אין ביראָ־בידזשאַן, אין דער געשטאַלט פֿון אַ פֿרײַער אידישער סאָציאַליסטישער רעפּובליק אין אַ פֿרײַער װעלט. און דערפֿאַר זײַנען מיר פֿאַרפֿליכטעט צו העלפֿן דיזער אױפֿבױיאונג מיט װאָס עס איז נאָר מעגלעך. עס איז קײן צװײפֿל ניט, אַז ביראָ־בידזשאַן װעט שפּילן אַ גרױסע ראָלע אין דער אידישער געשיכטע. ביראָ־בידזשאַן װעט נאָך אפֿשר זײַן דער אײנציגער מקלט־אינזל (צו־פֿלוכט־אינזל) פֿאַר די קרבנות פֿון פּאָליטישע און עקאָנאָמישע פֿאַרפֿאָלגונגען אין דער קומענדיגער, אפֿשר נאָך לאַנגער פּעריאָדע פֿון גסיסה פֿון דער קאַפּיטאַליסטישער װעלט.

# די צוקונפט פון דער מענטשהייט איז ענג פֿאַרבונדן מיט דעם דערפֿאָלג פון סאָוועטן-פֿאַרבאַנד

## באַגריסונג צום 10טן יובילייו פון בירא־בידזשאַן אין מערץ, 1938

מיר פייערן היינט א גרויסן יום־טוב — א יום־טוב, אין וועלכן אַלע פרייהייטס־ליבענדע מענטשן וואָלטן אייגנטלעך גע־דאַרפט נעמען אנטייל. היינט איז א דאַטום אין דער וועלט־גע־שיכטע, די וויכטיגקייט פון וועלכן מיר קאָנען נאָך ניט פֿאַראויס־זען, אָדער פֿאַראויסרעכענען.

צען יאָר בירא־בידזשאַן באַדייט צען יאָר בויען פֿאַר דער צוקונפט, — צען יאָר בויען די צוקונפט זעלבסט. דאָס איז, אויסער אַלע פראַקטישע באַטראַכטונגען, די גרויסע וויכטיגקייט פון בירא־בידזשאַן.

אין א וועלט, אין וועלכער די חוצפה׳דיגע, אומגערעכטע און נידעריגע עלעמענטן טרייבן און יאָגן די מענטשהייט צוריק צו באַרבאַריי; אין א וועלט, אין וועלכער די קליינע נאַציעס ווערן אויפגעפרעסן און פֿאַרשלונגען — אין אַט דער וועלט איז א וואונ־דער געשען. אין דער וועלט, וואָס ווערט טעגלעך אַלץ שוואַרצער און שוואַרצער, גרויזאַמער און גרויזאַמער, און אין וועלכער דאָס אידישע פֿאָלק ווערט פֿאַרניכטעט אַלס דער ערשטער קרבן, — בויעט זיך אין ווייטן מזרח א פרייע אידישע רעפובליק.

פֿאַר דעם היסטאָריש־דענקענדן מענטשן איז דאָס בילד פון די אידישע חלוצים, פון די פּיאָנערן אין בירא־בידזשאַן א באַרוי־שענדיגעס. ער זעט פֿאַר זיך שטאָלצע, קרעפטיגע און פריידיגע אידן, וועלכע שטעלן זיך ניט אָפּ פֿאַר קיינע שוועריגקייטן, און וועלכע שרעקן זיך ניט פֿאַר קיינע געפֿאַרן כדי אויפצובויען די אויטאָנאָמע טעריטאָריע. עס איז דער איינציגער האָפענונגס־

שטראַל, וואָס באַלײַכט די טונקלע אידישע פּאַנאָראַמע. דאָס ליכט, וואָס שטראָמט אַרויס פֿון ביראָ־בידזשאַן, ווערט מיט יעדן יאָר אַלץ שטאַרקער, קלאָרער און דורכדרינגענדיגער. עס איז ווי אַ לײַכט־טורעם אין אַ שטורם — אַ פֿאַקל, וואָס גיט אונז קראַפֿט אויסצוהאַלטן די נאַכט, און דערמוטיגט אונז צו באַגעגעגנען דעם מאָרגן.

אין אײראָפּע קעמפֿט דער גרעסטער טייל פֿון די אידן פֿאַר דעם נאַקעטן לעבן; די מײסטע אידן דאָרט האַלטן אין איין שרעקן זיך, אַז דער מאָרגן וועט איבערשטײַגן דעם הײַנט אין דערנידערונגען. יעדער טאָג ברענגט מיט זיך נײַע שאַנדע און נײַעם שמאַך. רעגירונגען, וואָס זײער פֿונקציע האָט געדאַרפֿט זײַן צו באַשיצן און צו העלפֿן אַלע זײערע בירגער, זײַנען זעלבסט די העצער און די פֿירער פֿון דער צעשטערונג פֿון די אידן אַלס שוצלאָזע מינאָריטעט.

אַזוי טעמפּ זײַנען מאַנכע פֿון אונז געוואָרן, אַז זײ דערוואַרטן מער גאָר ניט פֿון רעגירונגען, און זײ שטעלן זיך צופֿרידן מיט אַ קלענערער אָדער גרעסערער דאָזע פֿון אַנטיסעמיטיזם, אַזוי לאַנג ווי די אידן ווערן ניט געשטערט אין זײער האַנדל. דאָס איז די גרויסע טראַגעדיע פֿון דער אידישער געגנוואַרט. עס איז אַ פֿאַקט, אַז אין געוויסע אידישע קרײַזן פֿעלט דער ווילן צו פֿרײַהײט, דער ווילן צו דער סאָציאַלער און נאַציאָנאַלער באַפֿרײַאונג.

די סאָוועטן־רעגירונג איז די אײנציגע אין דער וועלט — און דאָס קאָן ניט גענוג באַטאָנט ווערן — די אײנציגע רעגירונג אין דער וועלט, וואָס האָט געלײזט אין איר אײגן לאַנד די אידישע פּראָבלעם שטאַטמעניש און ווײסנשאַפֿטלעך. די סאָוועטן־רעגירונג האָט ענדגילטיג אויסגעוואָרצלט דעם אַנטיסעמיטיזם אַלס גיפֿטיגע געזעלשאַפֿטלעכע קראַנקהײט, וואָס איז אַ געפֿערלעכע זאַך אויך פֿאַר ניט־אידן. די סאָוועטן־רעגירונג, אָן יעדן אינערן אָדער אויסערן דרוק, האָט געגעבן איר אידישער באַפֿעלקערונג אַ קולטורעלן, ווי אויך אַ געאָגראַפֿישן נאַציאָנאַלן באַזיס.

דאָס האָט דער ראַטנפאַרבאַנד געטאָן ניט ווייל ער האָט גע־וואָלט זיין טאָלעראַנט אָדער גרויסמוטיג צו דער אידישער באַ־פעלקערונג אינם סאָוועטנלאַנד. טאָלעראַנץ און גרויסמוטיגקייט צו זייערע אייגענע בירגער איז אַ באַליידיגונג, און עס איז פונקט אזוי עקלהאפט פאר דעם פרייען מענטשן ווי פאַרפאָלגונגען. די שטעלונג פון דער סאָוועטן־רעגירונג צו די אידן איז אין אנקלאַנג מיט די פרינציפן פון די רעכט פון נאַציאָנאַליטעטן אויף וועלכע די קאָנסטיטוציע פונם ראַטנפאַרבאַנד איז געבויט.

מיין גלויבן אינם ראַטנפאַרבאַנד שטייט אומדערשיטערלעך פעסט. מיין גלויבן אין דער גרויסער באדייטונג פון בירא־בידזשאן וואַקסט מיט יעדן טאָג.

איך בין אן אַלטער מאַן, וואָס האָט זיך זיין גאַנץ לעבן אָפּ־געגעבן מיט מענטשלעך־אידישע פראָבלעמען. איך גלויב, אז איך פאַרשטיי די אידישע פראַגע אזוי גרינדלעך ווי ערגעץ וועלכער מאַן אויף דעם ערד־קוגל. איך זאָג אייך, מיינע ליבע חברים: אַרבעט פאַר דער אידישער רעפובליק אין בירא־בידזשאַן, און האָט צוטרוי צו דער מוטיגער טאַטקרעפטיגקייט פונם ראַטנפאַרבאַנד!

די צוקונפט פון דער מענטשהייט, און גאַנץ באַזונדערס פון דעם אידישן פאָלק, איז ענג פאַרבונדן מיט דעם דערפאָלג פון בירא־בידזשאַן און פון דער סאָוועטן־רעגירונג.

# דערקלערונג וואָס פאַרדאַמט די איצטיגע וואַקכאַנאַליע

## ספּעציעלע דערקלערונג צום „איקאָר"

וואָל מאַרען, קוויבעק, קאַנאַדע

(טעלעפאָניש).

איך וויל, אַז איר זאָלט וויסן, אַז דער „איקאָר" האָט מיין פול־האַרציגסטע קאָאָפּעראַציע אויך אויף ווייטער. איך אַנטזאָג זיך אונטערצוגעבן זיך צו אַ קינסטלעך־געשאַפענער היסטעריע, מיט וועלכער מען וויל באַהערשן דאָס אידישע לעבן אין דעם איצטיגן מאָמענט. קאָנסטרוקטיווע אַרבעט לטובת די אידן, וואו זי זאָל ניט געטאָן ווערן, מוז אָנגעפירט ווערן אומגעשטערט. אונטער קיינע באַדינגונגען טאָר מען ניט דערלויבן, אַז וויכטיגע אַרבעט אין די אינטערעסן פון דעם אידישן פאָלק זאָל ליידן צוליב די שנעלע ענדערונגען אין דער דיפּלאָמאַטישער שאַך־שפּיל, וואָס גייט אָן אין אייראָפּע. אין אָט־דער שפּיל איז דאָך בלויז דער ענדגילטיגער אויסגאַנג וויכטיג, נאָר ניט די צייטווייליגע סטראַטעגישע מאַנעוורעס. אין איצטיגן מאָמענט קאָן קיינער ניט זאָגן מיט זיכערקייט וואָס פאַר אַ רעזולטאַט אַזאַ אָדער אַן אַנדער דיפּלאָמאַטישער צוג וועט ברענגען — דער קליגסטער מענטש קאָן בלויז ספּעקולירן.

איין זאַך ווייס איך אויף זיכער, און דאָס איז, אַז מיינע חברים אין „איקאָר" און אין דעם אידישן פאָלקס־קאָמיטעט זיינען טרויענסווערט גענוג און מען קאָן זיך אויף זיי פאַרלאָזן אין דער אומדערמידלעכער אַרבעט געגן די פינסטערע פאַשיסטישע כחות. אין אָט דער הייליגער אַרבעט בלייב איך שולטער צו שולטער מיט אייך, און איך שליידער צוריק מיט פאַראַכטונג יעדע אַטאַקע, וואָס ווערט אויף אייך געמאַכט.

מיינע טעג זיינען געציילטע, נאָר עס איז מיין הייסטער ווּאונטש, אַז איך, מיינע אינגערע חברים אין קאַמף, זאָלט לעבן און דערלעבן דעם ליכטיגן אויפגאַנג פון דעם טאָג, ווען דער גלויבן פון די, וועלכע האָבן מיט אַן אמת געשטרעבט צו אַ בע־סערער וועלט, וועט פאַרווירקלעכט ווערן. אין יענעם טאָג, וויל איך, אַז איר זאָלט געדיינקען, אַז מיין אייגענער גלויבן איז גע־בליבן פעסט און ניט צעטרייסלט אין די איצטיגע פינסטערע טעג.

## האָט דער נאַציאָנאַלער איד אַ צוקונפט אין סאָוועטן־פאַרבאַנד?

וואָס מיינט „נאַציאָנאַל־אידנטום?" — סאָוועטן־פאַרבאַנד האָט באַוויזן, אַז אידן־האָס האָט ניט קיין פּלאַץ אין אַ ציווי־ליזירטער אָרדענונג. — די גלייכבאַרעכטיגונג און איר פּאָלגן אונטער'ן באָלשעוויסטישן רעזשים איז דאָס העכסטע גליק פאַר די אידן אויף דער סאָוועטישער טעריטאָריע.

עס זיינען פאַראַנען ניט נאָר מענטשן עובר־בטל'דיגע, נאָר עס זיינען אויך פאַראַנען אויסדרוקן, וואָס זיינען עובר־בטול, ווער־טער, וועלכע געהערן דער פאַרגאַנגענהייט, און וועלכע האָבן פאַר־לאָרן יעדן צוזאַמענהאַנג מיט דער געגנוואַרטיגער וועלט. אויס־דרוקן, וואָס זיינען געוואָרן זינלאָז און וואָס האָבן מער ניט קיין באַדייטונג; אויסדרוקן, וואָס טראָג דעם, וואָס מען באַנוצט זיך מיט זיי, זיינען שוין לאַנג טויט.

אין אידישע קרייזן ווערן היינט־צו־טאָג באַנוצט אַזעלכע עובר־בטל'דיגע אויסדרוקן בנוגע דער אידישער לאַגע אין ראַטנ־פאַרבאַנד. אפילו די שאַרפסטע געגנער פון סאָוועטן־פאַרבאַנד גיבן אומוויליג צו, אַז דער אַנטיסעמיטיזם האָט באַקומען אַ טויט־קלאַפּ פון דער באָלשעוויסטישער רעגירונג. צו גלייכער צייט אָבער פאַרגיסן אַט די קעגנער הייסע טרערן אויף דער „אידישער טראַגעדיע" אין ראַטנפאַרבאַנד. יאָ, זיפצן אונזערע עפנטלעכע אידישע קלאָג־וייבער, דער אידישער קערפּער איז געראַטעוועט געוואָרן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, אָבער די אידישע נשמה איז גע־גאַנגען צוגרונט. און ווען מען פּרובירט אַרויסצובאַקומען פון די דאָזיגע באַקלאָגערס פונ'ם רוסישן אידנטום וואָס איז אייגנטלעך די אידישע נשמה, דאַן באַקומען מיר דעם ענטפער, אַז עס איז ניט מעגלעך קיין קיום פאַר'ן נאַצינאַלן איד אין ראַטנפאַרבאַנד.

„נאַציאָנאַלער איד" איז אַן עובר־בטל'דיגער אויסדרוק. עס איז אַזוי איבעריג אָנצורופן אַ איד „נאַציאָנאַלער איד", ווי אָנ־

צורופן אַן אירלענדער „נאַציאָנאַלער אירלענדער“.

עס איז אַ פאַקט, אַז די ציוויליזירטע וועלט האָט אנערקענט דאָס אידישע פאָלק אַלס נאַציע. אידישער נאַציאָנאַליזם איז שוין לאַנג ניט קיין פּאַרטיי־באַוועגונג. די יעניגע, וועלכע באַשטיין דאַרויף איינצוטיילן די אידן אין „סתם־אידן“ און אין „נאַציאָ־נאַלע־אידן“, פאָלגן נאָך, אומבאַוואוסט, די פאַשיסטישע סטראַ־טעגיע. די סטראַטעגיע פון די פאַשיסטישע רעגירונגען באַ־שטייט אין דעם, ווי עס איז באַקאַנט, צו לייגן איר אייגענעם שטעמפּל אויף דעם נאַציאָנאַליזם. די פאַשיסטישע רעגירונגען אנערקענען אַלס נאַציאָנאַליסטן נאָר די יעניגע, וועלכע געהערן צו זייער פּאַרטיי. עס פּאַסט אונז ניט נאָכצופאָלגן אָט אַזאַ ביישפּיל.

ווי זעט אויס דאָס בילד פון דער אידישער נאַציע אין דער היינטיגער וועלט? דער אנטיסעמיטיזם וואַקסט איבעראַל, חוץ אין ראַטנפאַרבאַנד. דער אנטיסעמיטיזם איז נאָך קיינמאָל ניט באַנוצט געוואָרן אַזוי פיל אַלס פּאָליטישער און עקאָנאָמישער וואָפן, ווי אין די לעצטע צען יאָר. אין מזרח־ און אין מיטל־אייראָפּע, ווי אויך אין די באַלקאַנען, ווערט דער פּאָליטיש־עקאָנאָמישער אַנ־טיסעמיטיזם געברוכט דירעקט פון די רעגירונגען אָדער אינדי־רעקט פון די קעגן־פּאַרטייען. דאָס איז אַ פאַקט, וואָס קיינער קאָן ניט לייקענען, ווי טרויעריג ער זאָל ניט זיין. אין דעמאָ־קראַטישע לענדער, ווי ענגלאַנד, פראַנקרייך און די פאַראייניגטע שטאַטן, דאָרט, וואו דער אנטיסעמיטיזם האָט געהאַט אָנגענומען הויפּטזעכלעך געזעלשאַפטלעכע פאָרמען, האָבן אין די לעצטע יאָרן זיך ארויסגעוויזן סימפּטאָמען (סימנים), וועלכע באַרעכטיגן די מורא, אַז אין אַ גרויסן עקאָנאָמישן קריזיס וועט אויך דער אנטי־סעמיטיזם אין אָט די לענדער באַנוצט ווערן פּאָליטיש. זעלבסט־פאַרשטענדלעך, איז דער דערפאָלג פון דער היטלער־רעגירונג שול־דיג אין דער פאַרשטאַרקונג פון דעם אנטיסעמיטיזם אַלס אַ פּאָ־ליטישע וואָפע איבעראַל. היטלער׳ס אנטי־אידישע פּאָליטיק ווערט ניט נאָר נאָכגעמאַכט אין אַנדערע לענדער, נאָר די פּאָליטיק ווערט פראָדוצירט און געשפּייזט פון דער ריזיגער אנטיסעמיטישער עקס־פּאָרט־פאַבריק אין דייטשלאַנד, וועלכע אַרבעט אָן אַן אויפהער.

איך גלויב קוים, צי מען קאָן גאָר הײנט־צו־טאָג ערגעץ־וואו געפינען אַ דענקענדן מענטשן, וואָס וועט ערנסט לײַ־קענען די פאָלגענדע דרײַ פאַקטן, וואָס לאָזן זיך ניט דיסקוטירן: ערשטנס, אַז דאָס גאַנצע אידישע פּראָבלעם איז הײנט־צו־טאָג אַ פּראָבלעם פון דער פאַרטײדיגונג קעגן דעם פּאָליטיש־עקאָנאָמישן אַנטיסעמיטיזם; צווײטנס, אַז דער הײַנטיגער אַנטיסעמיטיזם איז ניט מער די אַבסטראַקטע אידעאָלאָגיע פון טעאָרעטיקער, נאָר אַ פּראַקטישע וואָפן, אַ כּלי־זיין, כּדי צו דערגרייכן זייערע פּאָליטישע און עקאָנאָמישע צוועקן; דריטנס, אַז דער פּאָליטיש־עקאָנאָמישער אַנטיסעמיטיזם איבערטרעפט אין זיין באַדייטונג פונ׳ם אידישן פּראָבלעם, און די אידן אַליין קאָנען אים ניט באַקעמפן.

דער פּאָליטישער ציל פונ׳ם אַנטיסעמיטיזם אין די לענדער, וועלכע פּרובירן נאָכצומאַכן היטלערס פאַשיסטישן טריאומף, איז געריכטעט ניט נאָר קעגן די אידן. דער איד ווערט געברויכט, כּדי צו שאַפן אַ היסטערישע שטימונג, אין וועלכער דער פאַשיזם קאָן אָפּערירן אויף אַ פיל גרעסערן פראָנט.

ווען היטלער, צום ביישפּיל, האָט באַקעמפט די ברוינונג־רעגירונג, האָט ער יעדן אומבאַקוועמען קעגנער געשטעמפּלט אַלס אידן. יעדע דעמאָקראַטישע רעגירונג ווערט אָנגערופן פון פאַ־שיסטישע קעגנער אַ „אידנרעגירונג“. דער דראַנג פונ׳ם פאַ־שיזם צו מאַכט האָט געשאַפן די אַנטיסעמיטישע וואָפן ניט נאָר אום די אידן אויסצוראָטן, נאָר אויך כּדי צו דיסקרעדיטירן מיט דער אַנטי־אידישער פאָרמולע יעדע עקאָנאָמישע און פּאָליטישע קעגנערשאַפט. וואָס עס פּאַסירט מיט די אידן זעלבסט, ווען אַ פאַשיסטישע פּאַרטיי קומט צו דער מאַכט, אָדער ווען זי זוכט די מאַכט אַגרעסיוו, איז אין דער באַלייכטונג פון דעם גרויסן גע־שיכטלעכן פּראָגאַנג נאָר אַ נעבנפּראָדוקט, אַ נעבנזאַך.

עס איז דאָך קיין צווייפל אין דעם ניטאָ, און עס לאָזט זיך ניט דיסקוטירן, אַז דער פאַשיזם אַנערקענט דעם אַנטיסעמיטיזם אַלס זיין שטאַרקסטע אַרטילעריע און באַנוצט אים צו דערשיסן די דעמאָקראַטיע דורך די אידן. איז עס קיינעם ניט אויפגעפאַלן,

אַז גאָגאַ, דער נייער רומענישער פּרעמיער, האָט אַליין געגעבן אַ וועלט „פּובליסיטי" צו זיין אַנטיסעמיטישן פּראָגראַם? זיין ער־שטער שריט, וואָס ער האָט געמאַכט כדי צו שאַפן אַ פאַשיסטישע דיקטאַטור, איז געווען אָנצופילן די לופט מיט דעם אַנטיסעמיטישן געפּל (אין וועלכן עס מוזן, פאַרשטייט זיך, דערשטיקט ווערן אונ־זערע אומגליקלעכע ברידער), אַזוי, אַז ער קאָן נעמען אומגע־שטערט אַלע נויטווענדיגע אַנטי־דעמאָקראַטישע מיטלען, אונטער דער מאַסקע, אַז עס האַנדלט זיך נאָר וועגן אַן אַנטי־אידישן קאַמפּיין.

אין אַ וועלט, וואו דער פאַשיזם וואַרפט אָן אַ שרעק, איז די אידישע צוקונפט אומזיכער. אין די לענדער, וואו דער עקאָנאָ־מיש־פּאָליטישער בירגער־קריג איז אַ זאַך, וואָס דערשיינט אונז אַלס אומפאַרמיידלעך, זיינען די אידן אויסגעזעצט צו דער גרעסטער געפאַר. עס איז דערפאַר פיל שווערער פאָראויסצוזאָגן די צוקונפט פון די אידן אויסערהאַלב פון דעם ראַטנפאַרבאַנד, ווי פאָראויס־צוזאָגן די אידישע צוקונפט אין ראַטנפאַרבאַנד.

די דריי מיליאָן אידן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד לעבן אונטער אַ רעזשים, וואָס האָט זיי געגעבן פולשטענדיגע בירגער־פרייהייט. די דריי מיליאָן־אידן אין ראַטנפאַרבאַנד לעבן אונטער אַ רעגירונג, וואָס אָנשטאָט צו פאַרשליסן די טירן פאַר זיי, האָט זי ווייט גע־עפנט אַלע טויערן פון בילדונג, אַלע מעגלעכקייטן פון פאַרשיי־דענע פּראָפעסיעס און רעגירונגס־שטעלעס. זיי לעבן אין אַ לאַנד, וואו דער אַנטיסעמיטיזם ווערט באַשטראָפט אַלס אַ קרימינעלער פאַרברעכן. זיי לעבן אונטער אַ קאָנסטיטוציע, וועלכע האָט פּראָ־קלאַמירט דאָס רעכט פון יעדער נאַציאָנאַליטעט אין דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד צו איר אייגענעם קולטורעלן אויסדרוק. די יוגנט אין סאָוועט־רוסלאַנד טראָגט ניט קיין געלן פלעק. אַ גרויסער טייל פון דער יוגנט, וואָס איז אונזער צוקונפט, לייענט אידישע צייטונ־גען און די אידישע ליטעראַטור, גייט אין אידישע טעאַטערס און האָט פולשטענדיג פאַרלוירן יעדן געטאָ־געפיל. עס וואַקסן אויף אידן אין סאָוועט־רוסלאַנד — מענטשן, וועלכע האָבן די וואַל, אַלס

פרייע רוסישע בירגער, צו בלייבן טריי צו זייער נאַציאָנאַליטעט
און צו אַנטוויקלען זי קולטורעל. אידן, וואָס ווערן ניט געטריבן
צום אידנטום מיט אַ בייטש, נאָר וועלכע נעמען אַ פּריוויליגן,
געזונטן אינטערעס אין דער מאָדערנער אידישער קולטור.

אין ראַטנפאַרבאַנד לעבט אַ אידישע יוגנט וואָס ניט איינער
פון זיי האָט אויסגעביטן דעם אידישן רענדל. איינפאַכער געזאָגט:
ניט איינער פון זיי האָט זיך געשמדט.

ווען מיר נעמען אָן, אַז דער אידישער נאַציאָנאַליזם (איך
רעד דאָ וועגן נאַציאָנאַליזם אין ברייטן זין פון'ם גאַנצן אידישן
פאָלק) קאָן נאָר עקזיסטירן אונטער דעם דרוק פון אַנטיסעמיטיזם,
דאַן האָט דער אידישער נאַציאָנאַליזם אין ראַטנפאַרבאַנד קיין צו־
קונפט ניט. איך פאַרוואַרף אָבער אָט די אויפפאַסונג. איך גלויב
אין דער אייביגקייט פון'ם אידישן גייסט, און בין איבערצייגט,
אַז די פאָרזעצונג און די דויערהאַפטיגקייט פון דער אידישער נאַ־
ציע איז ניט אָפּהענגיג פון'ם פיינטלעכן דרוק מצד די ניט־אידן,
אָדער פון דעם קינצלעכן דרוק מצד די אידן זעלבסט. די אידישע
נאַציע קאָן נאָר דאַן עקזיסטירן, ווען זי ווערט פיזיש ניט צע־
שטערט. דאָרט, וואו עס לעבן די געזונטע גרויסע אידישע מאַסן,
וועט אויך לעבן די אידישקייט.

איך האַלט עס אויך פאַר אַן אַקסיאָם, וואָס לאָזט זיך ניט
דיסקוטירן, אַז לעבן אין סאָציאַלער גערעכטיגקייט איז אין פונ־
דאַמענטאַלן זיין אידישער, ווי לעבן אין אַן אומגערעכטער געזעל־
שאַפטלעכער סיסטעם, אפילו ווען די אויסערע פאָרמען פון אָט דעם
לעבן זיינען אידישע אין יעדער באַציאונג.

אין אַ סאָציאַליסטישער מדינה נעמט אָן דער אידישער נאַציאָ־
נאַליזם, זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַנדערע פאָרמען. אין אַ מדינה,
וואו דער מענש איז ניט געצוואונגען צו דערשטיקן זיין עטישן
אימפּולס, דאַרט דאַרף ניט דער אידישער גייסט פאַרלירן זיין
נאַטירלעכע פאָרם. דער איד וועט אידיש שאַפן, ווייל ער בלייבט
זיך זעלבסט טריי. דאָס איז דער אמת'ער אידישער נאַציאָנאַליזם.
איך ווייס ניט וואו דער אידישער נאַציאָנאַליזם בליט היינט־צו־

טאָג מער ווי אין ראַטנפאַרבאַנד, אויסער אין ארץ־ישראל, וואו ער איז ליידער געצוואונגען אָנצונעמען נאָר פּאָליטישע פאָרמען. אין דייטשלאַנד ווערט דעם אידן אָנגעטאָן דער אידישער נאַציאָנאַליזם ווי א צוואַנגס־יאַקע, אין וועלכן ער קאָן זיך ניט א קער טאָן. דאָס אידנטום אין פּוילן, רומעניע און אין די באַלקאַנישע לענדער איז אַן עקאָנאָמיש פּחד־אידנטום. אין די פּאָר דעמאָקראַטישע לענדער, וואו דער פּאַשיזם לאָזט הערן זיין בורטשן, דאָרט איז דאָס אידנטום א לויזע געמיינדע, וואָס איז צעטיילט אין קעמפּענדע עקאָנאָמישע קלאַסן און איז מייסטנס באַרייט צו מאַכן אַלערליי קאָמפּראָמיסן, פּשרות, נאָר כדי זיך עקאָנאָמיש צו באַשיצן.

די אידן אין אַמעריקע, ענגלאַנד און פראַנקרייך, צום ביישפּיל, די יעניגע, וועלכע האָבן אידישע נאַציאָנאַלע אינטערעסן, קאָנצענטרירן אָט די אינטערעסן נאָר אויף ארץ־ישראל, אויף ציוניזם. אָט די אידן בלייבן אויך אַלס ציוניסטן, אינערלעך פּוסט, ווייל זייער אנטייל אין אידישן נאַציאָנאַליזם איז נאָר אַ פילאַנטראָפּישער.

דער אידישער נאַציאָנאַליזם עקזיסטירט אין ראַטנפאַרבאַנד און אַנטוויקלט זיך, טראָץ דעם שווערן קאַמף, וואָס דער איינזאַמער קאָמוניסטישער שטאַט מוז אָנפירן קעגן אַ וועלט פון שונאים. די אידן אין סאָוועטנלאַנד האָבן אַ גרויסן פאָרצוג איבער די אידן אין אַנדערע לענדער. זיי האָבן שוין דורכגעמאַכט דעם עקאָנאָמישן קאָנפליקט, וואָס זאָגט זיך ערשט אָן אין פילע וועלט־טיילן. זייער לעבן איז זעלבסטפאַרשטענדלעך מאַטעריעל פיל אומבאַקוועמער, ווי דאָס לעבן פון די אידן אַנדערשוואו, זיי קאָנען אָבער קוקן אין דער צוקונפט אָן שרעק. זיי האָבן שוין געלערנט, אַז אַ לעבן פון לוקסוס, וואָס איז פאַרזונקען אין ליגן און אין מורא, איז ניט קיין באַלוינונג פאַר אַ לעבן, וואָס איז פול מיט קאָמפּראָמיסן און דערנידערונגען. די אידן אין סאָוועטנפאַרבאַנד האָבן אַ צוקונפט, ווייל זיי קאָנען זיין איד און מענטש צוגלייך.



ראובן ברייגין ביי א איקאָר־יום־טוב

ווערט אַ מיטגליד אין איקאָר! לייענט „ניילעבן“!

# לייענט „ניילעבן"

## לייענט דעם פאַרשפּרייטסטן אידישן זשורנאַל אין דער גאַנצער וועלט

„ניילעבן" באַלויכט דעם אויפבוי פון בירא-בידזשאַן.

„ניילעבן" איז אַ קוואַל פון אינפאָרמאַציע וועגן דעם לעבן פון סאָוועטישע אידן און וועגן די אידן אין דער גאַנצער וועלט.

„ניילעבן" ווערט געדרוקט אין אידיש און אין ענגליש.

איינצעלנע נומערן — — — — 10 סענט

אַ יאָר סובסקריפּשאַן — — — — $1.00

פאַר נאָך 50 סענט ווערט איר אויך אַ מיטגליד אין „איקאָר"

## ווערט אַ מיטגליד אין איקאָר!

זייט אַ טייל פון דער גרויסער פאָלקס-אָרגאַניזאַציע, וואָס שטעלט זיך די אויפגאַבע צו שאַפן פריינט פאַר בירא-בידזשאַן, פאַרטיידיגן דעם סאָוועטן-פאַרבאַנד און פירן אַ קאַמף געגן פאַשיזם און אַנטיסעמיטיזם.

שיקט צו אייער אַפּצאָל אויף דעם אַדרעס:

**NAILEBEN, 799 Broadway, New York, N. Y., Room 514**